„Radomer-Kielcer Leben" 41 (331) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" VII-ער יאָהרגאַנג פרייז 25 גראָשען

# ראַדאָמער-קעלצער לעבן

הייַנט 8 זייַטן!

Radom, Piątek 28 Paździer. 1930 r.

ראדאָם, פרייטאַג ב׳ מרחשון תרצ"א

Redakcja i Administracja

Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

אַנאָנסען - פּרייז:

אין מילימעטער שורה: פאַרן טעקסט 40 גר.

" " " אין " 60 "

" " " נאָכ׳ן " 25 "

די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאַלטען 8 שפאַלטען

אין טעקסט 4

**Bank Spółdzielczy**
**KUPCÓW i PRZEMYSŁOWCÓW**

z ograniczoną odpowiedzialnością

w RADOMIU, Żeromskiego 9

Członek PowszechnegoZwiązku na własn. pom. opar. spółdz. we Lwowie.
Skrz. pocztowa № 112 — Konto czekowe P.K.O. Nr. 65.950
Rk. żyrowy w Banku Polskim oddz. w Radomiu.

מיר מאַכען בעקאַנט די געערטע קליענטען דאָס פון 20-טען אָקטאָבער ה. י. ווערט געעפענט א פיליע פון אונזער באַנק אין Zagożdżon וועלכע וועט ערלעדיגען אַלערליי באַנק - אָפּעראַציעס.

פּראָוויזיע פון אינקאַסע וועלן מיר רעכענען נאָר 1.50 פאַר שטיק פאַר די איינקאַסירטע אינקאַסעס וועלן [illegible] אויסצאָהלען דעם זעלבען טאָג אין די שעה׳ען פון 6 ביז 8 אָוועגד.

גלייכצייטיג טהיילען מיר מיט דאָס אויף די שטעדט: וואַרשא, לאָדז, קראָקע, לעמבערג, קעלץ, זוואָלען, אילזא, אָסטראָוויעץ און שידלאָוויעץ ווערען אָנגענומען אינקאַסעס און מיר רעכענען נאָר 1 זל. פער שטיק.

אויך ווערען אָנגענומען אינקאַסעס אויף באַנק - פּאָלסקי - פּלעצער צו נאָמינאַלע פּראָוויזיע.

מיט אכטונג

*Bank Spółdzielczy*
Kupców i Przemysłowców
– z ogr. odp. –
w RADOMIU.

אונזער פעראוואלטונגס-מיטגליעד און קאסירער ה׳ אליעזר זילבערשטיין ווינשען מיר א הערצליכען מז"ט צו דער תנאים פון זיין ליבע טאָכטער פריידה מיט ה׳ יעקיל שטערן.

פערוו. לינת הצדק אין ראדאָם.

## דאַנקזאַגונג.

דעם בעסטען דאַנק דריקען מיר אויס דעם ה׳ **איגנאַצי ראָזענפעלד** (לאַכאַיז פאבריק פון אייזען אָסטראָוויעץ) פאַר די דורך איהם צוגעשיקטע 100 זל. לטובת די געז. בית-יתומים אין ראדאָם דורך די פערמיטלונג פון ה׳ יחיאל פרענקעל. דעם ה׳ האַראָוויטש מענדיל פאַר די געשענקטע 20 זל. דעם ה׳ גוסטאוו ברעסלער פאַר דעם געשענקטען טאָרט, וואָס ער האָט געווינען אויף דעם ראַנצינג ביי פשיביטניעווסקי, איינגע-אָרדענט דורך בית-יתומים. אויך דאַנקען מיר די ה"ה גלינקעוויטש—פרידמאַן פאַר שענקען 1 זעקעל מעהל.

די פערוואלטונג פון „בית-יתומים" אין ראדאָם.

מיר דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל אונזערע מחותנים דער פאמיליע גאָלדבערג צוליעב דעם טוירט פון זייער מאַן און פאָטער

# ר׳ אברהם׳לע גאָלדבערג

פאמיליע טאשמע קעלץ

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער איידעם און שוואָגער יעקב גאָלדבערג צוליב׳ן טויט פון זיין פאָטער ר׳

# אברהם גאָלדבערג

פאמיליע טאשמע קעלץ

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דעם ה׳ יעקב גאָלדבערג צוליעב דעם טוידט פון זיין פאָטער

# ר׳ אברהם׳לע גאָלדבערג

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

ל. ראזענבערג עט פרוי קעלץ.

מביעים אנו את צערנו העמוק לאחינו **ישראל גולדברג** במות עליו

# אביו

בעבודתו לטובת ה„בית׳ר" ימצא תנחומים.

קן **בית"ר** ברדום.

כוס תנחומין לך אחותנו **שרה בערנמן** לאבידתך הגדולה במות עלך

# אמך ואחותך

צערך — צערינו.

קן **בית"ר** ברדום.

אינזער טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער פאמיליע **גאָלדבערג** צוליב דעם גרויסען פערלוסט פון זייער **מאַן** און **פאָטער**

# ר׳ אברהם׳לע גאָלדבערג נ. ע.

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

פערוואלטונג פון דער געזעלשאפט „עזרה" אין ראדאם.



"TROJKA" PHILIPSA

3-לאמפיגער ביליגער באטעריע-אפנעמער

ריינע זיכערע אויפנעמונג ביי בעדייטענ-
דיגע דערגרייכונג און שפירעוודיגקייט

פרייז צוזאמען מיט פיליפסעס
תילכער, טיפ 2016 — 399 זל.

א דעמאנסטראציע אין נאהנטסטען ראדיא-געשעפט וועט אייך
איבערצייגען וועגען דער זעלטענקייט פון דאזיגען אפנעמער.

POLSKIE ZAKŁADY PHILIPS S. A.
WARSZAWA, KAROLKOWA 36 | 44


## שטייער-רעקורסען אין די „אדוואלאוושע"-קא-מיסיעס וועלען בעטראכט ווערען די טעג.

פון ראדאמער סוחרים-פעראיין האבען מיר ערהאלטען פאלגענדען קא-מוניקאט:

אין די נאהנטסטע טעג דעם 27, 28, 29 און דעם 30-טען פאזשדזיערניק וועלען פארקומען זיצונגען אין די אר-וואלאוושע-קאמיסיעס אין קעלץ.

דער אביעקט פון די בעראטונגען וועלען זיין די אריינגעטראגענע רע-קורסען געגען דער אויסמעסטונג פון אבראטאווי און דאכאדאווי פון א גאנ-צע רייהע יאהרען.

אין צוזאמענהאנג דערמיט דעלעגירט די יורידישע אבטיילונג ביים קעלצער קרייז סוחרים-פעראיין ווי שטענדיג אויך דאס מאהל זיינע פארשטעהער אין דאזיגע קאמיסיע בכדי צו פער-טיידיגען די סוחרים בעת ס'וועלען בע-טראכט ווערען זייער רעקורסען.

צוליב דעם, וואס די רעקורסען-פער-טיידיגונג אין דער קעלצער שטייער-קאמער נעמען זיך אונטער פריוואטע פערזאנען, וועלכע נוצען אויס די לייכטגלויביגקייט פון די צוגערייזטע סוחרים — ווענדעט זיך דער סוחרים-פעראיין צו אלע סוחרים-פעראיינען פון קעלצער קרייז, אז זיי זאלען וועגען דעם גענוי אינפארמירען זייערע מיטגלידער בכדי אין יעדער אנגע-לעגענהייט, וואס איז נוגע די דער-מאנטע ענינים, זיך צו ווענדען נאר צו דער יורידישער אבטיילונג פון קרייז-סוחרים-פעראיין.

## שטאדטישער קאמיטעט איבערגענומען דעם יודישען ארקעסטער.

דורך דער איניציאטיוו פון בית"ר איז געשאפען געווארען א קאמיטעט פאר דעם יודישען ארקעסטער, וועמענס אויפגאבע איז צו זארגען פאר דער עגזיסטענץ פון דעם ארקעסטער.

צום קאמיטעט געהערען פאלגענדע:

פרעזעס—פישמאן מרדכי ליב, וויצע-פרעזעס—מערין אהרן, סעקרעטאר—סאמעלסאהן משה, קאסירער—גראנעק מאיר. שטיינמאן יהישע, פינקעלשטיין אברהם, באקמאן אברהם, באקמאן משה, פישמאן אלימלך, מאנדשיין נתנאל, דיישער אברהם, מידלער יצחק, רעד. ווערץ, אייגער ישעיהו, סאחא ישראל, גערטנער מרדכי, רוטמאן יוסף, צוקער חיים און סאבעלמאן זעליג.

עס איז בעשטימט געווארען אדורכ-צופיהרען א דעקלארירונגס-אקציע לטובת דעם ארקעסטער.

## גאנצע 11 ליסטעס אריינגעטראגען אין ראדאמער וואהל-קרייז. צווישען זיי 4 יודישע.

ביז פערגאנגענעם פרייטאג איז וואהל קרייז אלע קאנדידאטען-ליסטעס אריינגעטראגען געווארען אין ראדאמער פון פערשידענע פארטייען און ריכ-טונגען.

דער ראדאמער וואהל-קרייז איז בעצייכענט מיט'ן נומער 19 און צו איהם געהערען די שטעדט קאנסק און אפאטשנע.

די 4 יודישע ליסטעס בעשטעהען פון פאלגענדע ריכטונגען און נעמען:

1) בלאק נומער 17 צו בעשיידיגען די רעכט פון יודען אין פוילען. אויף דער דאזיגער ליסטע פיגורירען: יצחק גרינבוים, חעשעל פארבשטיין, מאק-סימיליאן הארטגלאס, אברהם פאלבע חיים בראינדעס, אברהם טשערנאקאוו, יצחק שיפער.

2) יודישער הירטשאפטליכער בלאק, ליסטע נומער 18 וואו עס פיגורירען: דער לוצקער רב טאראמשקין, חיים ראסנער, פאלאמאן ווידענבאום, יעקב טראקענהיים.

3) סאציאליסטישער בלאק: („בונד")—עהרליך, ווישטאט, ויקטאר אלטער, ח. האסער, מ. ליכטענשטיין.

4) יודישער ארבייטער וואהל-קאמי-טעט: (פ. צ.)—י. לעוו, א. בוקסבוים, ל. האלענדערסקי, ש. זאגאן און י. רעזען.

## בעוועגליכע אויסשטעלונג אין ראדאם.

אין ראדאם איז פאריגען שבת גע-עפענט געווארען א בעוועגליכע אויס-שטעלונג, וועלכע אילוסטרירט די פער-שידענסטע לאנד-אויסארבייטונגען.

אין דער אויסשטעלונג, וועלכע קומט פאר אין טעאטער „ראזמאיטאשטשי, בעטייליגען זיך העכער 200 אינלענדי-שע פירמעס און עטליכע צענדליג שטאדטישע.

דער לאזונג פון דער אויסשטעלונג איז: שטיצען די לאנד-אינדוסטריע און די היימישע פראדוקציע.

## אויפסניי ארגאניזירט דעם פעראיין פון אגענטען און וואיאזשארען אין ראדאם.

דינסטאג דעם 14 פאזשדזיערניק איז פארגעקומען די אלגעמיינע פערזאמ-לונג פון וואיאזשארען-פעראיין. אויף דער טאג-ארדנונג איז געשטאנען, צי זאל דער פעראיין ווייטער עגזיסטירען אדער מען זאל איהם ליקווידירען. נאך א לאנגע דיסקוסיע איז בעשלאסען גע-ווארען אויפסניי צו רעארגאניזירען דעם פעראיין.

עס איז געוועהלט געווארען א פער-וואלטונג פון פאלגענדע פערזאנען:

זלמן בירענצווייג (פארזיצענדער), מ. ל. פישמאן (וויצע-פארזיצענדער), אדלער (סעקרעטאר), פרישטייער און לאטע. אלס קאנדידאטען: צימעט דוד און קאסליאר. אין שיעדס-געריכט איטשע ריבא, הירש גוטשטאדט און אהרן צווייגהאפטיג.

## נייע פערוואלטונג פון תלמוד תורה

צוליב דעם גרויסען פינאנסיעלען קריזיס איז לעצטענס די תלמוד תורה געווען פערמאכט 4 וואכען. ס'האט שוין געהאלטען אזוי ווייט, אז דער קאמיטעט האט שוין געזאלט געמען אנ'הלוואה אויפ'ן הויז, וואס געהער אלס אייגענטהום צו דער ת"ת, מיט'ן צוועק צו בעצאהלען פערלעגענע חו-בות. די יעצטיגע קהלה-פערוואלטונג האט דעריבער אונטערגענומען אנ'אק-ציע אבצוראטעווען די ת"ת פון אונ-טערגאנג. הרב קעסטענבערג האט פא-ריגען שבת גערעדט וועגען דעם זעל-בען ענין אין בית מדרש און מתעורר געווען געוועזען דעם עולם אנצונעמען מיטלען נישט צולאזען אונטערגעהן אזא וויכטיגע איינריכטונג, פאר די טינוקות של בית-רבן. אלס בועל יוצא פון דעם אלעם איז גערופען געווארען אויף שבת-צו-נאכט א אלגעמיינע פער-זאמלונג אין לאקאל פון ת"ת, אויף וועלכער ס'איז געקומען א גרעסערער עולם. ס'איז אויך געקומען פיעל פרויען, וואס האבען זיך פערשריבען

אלס מיטגלידער פון דער ת"ת.

ס'איז געוועהלט געוואָרען א נייע פערוואַלטונג פון פאָלגענדע פערזאָנען: מאָטיל אייזענמאַן, חיים ניימאַן, הערשעל זיסמאַן, דוד קאָפּער, יחזקאל פערשטער, חיים אהרן ווײנאכט, אביש בירענבוים, בנימין האָרוויץ, קלמן דאָיאַל, משה איטשע האָרוויץ, זכריה הערשמאַן, משה אליעזר בערגער.

אין דער רעוויזיאָנס-קאָמיסיע: יונה גאָלדבערג, לייביש מענדעל זיסערמאַן, קלמן ווייסבערג.

## פייערונג צוליב'ן זיעג איבער די באָלשעוויקעס

אין צוזאמענהאנג מיט דעם 10-ען יאָהר-טאָג פון פּוילענס זיעג איבער די באָלשעוויקעס איז פאָריגען שבת אויפ'ן פלאַץ דריטער מאַי פאָרגעקומען א פייערונג. ס'האָבען זיך פערזאמעלט אלע יודישע און קריסטליכע אינסטיטוציעס.

די יודישע קהלה איז געווען רעפּרעזענטירט דורך הרב קעסטענבערג, פּרעזעס פון קהלה פערוואלטונג ל. פרידמאַן, און וויצע-פּרעזעס בנימין האכמאַן. מצד דעם יודישען בירגער-פעראיין זענען געווען די ה"ה: ה. א. גאָלדבלום (פּרעזעס) און ב. גארפינקעל.

הרב קעסטענבערג האָט אין זיין נאָמען און אין נאָמען פון דער יודישער קהלה געלעגט אויפ'ן קבר פון אונבעקאַנטען זעלנער א קראַנץ און דער בירגער-פעראיין א בעזונדערען קראַנץ.


**Fabryka francuzka maszyn** codziennego użytku poszukuje

**rejonowych przedstawicieli**

z kapitałem 6.000 — 8.000 zł.

— Byt zapewniony. —

Wiadomość u Przedstawiciela

L. Rosenberg, Warszawa,

Nowowicjska 7, tel. 423—39.


דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער מיטגליעד

פרוי **אסתר לאה פעלדמאַן** און טאָכטער מיט איידעם פאמיליע **וויזענבערג**

צוליב דעם פריהצייטיגען טוידט פון זייער ליבען מאַן און פאָטער

# שמשון פעלדמאַן נ. ע.

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

חברה מתפללים **„אהבת רעים".**

# Przetarg

## *Rzeźnia Miejska i Targowisko Zwierzęce*

**m. RADOMIA.**

Podaje się do wiadomości publicznej, **że w dniu 7 listopada** 1930 roku odbędzie się przetarg w Rzeźni Miejskiej na dzierżawę ślamiarni (rogacizny).

Przetarg rozpocznie się punktualnie o godzinie 9-ej rano w biurze Rzeźni Miejskiej i Targowisk Zwierzęcych miasta Radomia **od ceny wywoławczej złotych 5.000 (pięć tysięcy).**

Dzierżawa ślamiarni trwać będzie jeden rok od daty podpisania umowy i przyjęcia zobowiązań przez utrzymującego się przy przetargu.

Zainteresowani przetargiem obowiązani są każdy oddzielnie złożyć w biurze Rzeźni Miejskiej w zamkniętej kopercie do dnia 25 października 1930 r. włącznie:

1. świadectwo obywatelstwa;
2. pokwitowanie Kasy Rzeźni Miejskiej na wpłacone wadjum w wysokości 10 proc. ceny wywoławczej;
3. zobowiązanie wpłacenia 50 proc. tenuty dzierżawnej, jaka będzie wynosić po ukończeniu się przetargu za pierwsze półrocze, zaś resztę po upływie pół roku od daty podpisania umowy dzierżawnej;
4. zobowiązanie do wpłacenia do kasy Rzeźni Miejskiej tytułem zabezpieczenia wykonania obowiązków, jakie będą wynikać z tytułu zawartej umowy—zł. 2,000 (dwa tysiące)

Nadmienia się jednocześnie,że utrzymujący się przy przetargu obowiązany będzie do wypełniania swoich obowiązków w myśl przepisów i regulaminów Rzeźni Miejskiej i Targowisk Zwierzęcych miasta Radomia

W każdym wypadku lub w razie niedojścia przetargu do skutku Rzeźnia Miejska i Targowiska Zwierzęce miasta Radomia zastrzegają sobie:

1. wybór oferenta (biorącego udział w przetargu) w|g swojego uznania;
2. pozostawienie przetargu bez skutków i następstw;
3. zatrzymanie do własnej dyspozycji wadjum złożonego wrazie cofnięcia się oferenta po przetargu

Dyrektor w zastępstwie - **d-r Karol Kubicki.**


# בירגער!

# קאכט נאר אויף גאז!

**גאז** איז ריין, שפּאָרזאַם און בעקוועם.

**גאז** איז דאָס ביליגסטע, בעסטע און בעקוועמסטע ברען-מיטעל אין דער יעצטיגע צייט.

טויזענדער מענשען בענוצען זיך יעצט מיט **גאז-קוכען**, ווייל דאָס קאָסט בעדייטענד ביליגער ווי אויף קוילען.

די שפּאָרזאַמע **גאז-קוך** ענטהאַלט מעהר וואַרימקייט ווי די קוך אויף קוילען.

א סך ווירטינס האָבען נישט קיין לוסט צו פערברענגען אין קוך און ענטזאָגען זיך צו פערנעמען פערזענליך מיט קוך-אנגעלעגענהייטען צוליב דער איינציגער אורזאַך, וואָס זיי קאָנען נישט פערטראָגען די פּרימיטיווע קוילען-קוך.

נידער מיט די פערקאָפּטשעטע און די איבערגעברענטע קוך-בלעך! זאָל לעבען די דעמאָקראַטישע, שפּאָרזאַמע, בעקוועמע גאז-קוך.

די נייע שפּאָרזאַמע גאז-קוך פערברויכט א מינימום גאַז, געבענדיג גלייכצייטיג א מאַקסימום וואַרימקייט.

די יעצט-אינסטאַלירטע דורך דער ראַדאָמער גאַזאָווניע גאז-קוכען זענען פערזעהן מיט די נייעסטע שפּאָרזאַמע ברען-רעהרלעך (פּאַלניקעס), וועלכע אין פערגלייך מיט דער קוילען-קוך ברענגען זיי איין צייט און הייץ-קאָסטען און שוין צוליב דעם ברויך זיך אין ראַדאָם נישט געפונען קיין איין הויז אָהן גאז.

אויף א גאז-קוך האָט מען די מעגליכקייט צו קאָכען אין צוויי טעפּלעך אויף איין פלאַם און דערביי שפּאָרט מען איין געלד.

א גאז-קוך דאַרף זיין ביי יעדער ווירטין, איבערהויפּט ביי פאַמיליעס, וואו די פרוי, מוטער פערנעמט זיך אליין מיט די שטוב-ווירטשאַפט, ווייל מיט דער הילף פון גאַז איז גענוג צו ווידמען א קליינע צייט אויפ'ן ווירטשאַפטליכען געברויך.

א בעזונדערע בעדייטונג האָט די דאָזיגע מעלה, אז די שפּייז-אַרטיקלען, וואָס ווערען איינגעאָרדענט אויף א **גאַז-קוך** ווערען נישט קאַליע ווי דאָס טרעפט אָפט אויף קוילען-קעכלעך.

דאָס עסען וואָס ווערט געקאָכט אויף **גאז** איז שטענדיג פריש, שמאַקהאַפטיג און געזונד.

נישט איינמאָהל וואָלט אויסגעמיטען געוואָרען קריגערייען ביי פאַמיליעס צוליב דעם נישט געהעריגען צוגרייטען דאָס עסען, ווען מען בענוצט אויסשליסליך **גאַז-קוכען.**

**ווען דער מאַן וועט האָבען שמאַקהאַפטע און גוטע מאכלים און וועט זיך פיהלען אין זיינע פיער ווענד גוט, וועט ער נישט געהן אין „קנייפּיעס", אָדער צוזאַמענקונפטהייזער און וועט בעסער זיין אויסגעאַרבייטע גראָשען בעהאַלטען אויף א שלעכטער צייט.**

**ווער קאָן דאָס אלץ מאַכען? — א גאַז-קוך!**

שפּאָרזאַמע לויט דער נייער קאָנסטרוקציע **גאַז-קוכען**, פּיעצ'קעס צום בראָטען, אייזענס צום פּרעסען, רעהרלעך צו בעלויכטען, אַפּאַראַטען געהייצט מיט גאַז פאַר האָ.דווערקער, דאָקטוירים, דענטיסטען פאַבריקען, לאַבאָראַטאָריום'ס א. ד. גל. דאָס אלץ אינסטאַלירט מאָמענטאַל די

**GAZOWNIA RADOMSKA**

**MŁODZIANÓW**

TELEFON 134.

# קעלצער אבטיילונג.

## פון קעלצער וואהל-פראנט.

אין קעגענזאץ צו די שטימונג אויף דער יודישער גאס, וועלכער ווייזט נאך דערווייל ארויס א גאנץ קנאפען אינ-טערעס צו די פארשטעהענדע פארלא-מענט וואהלען. ווערט שוין איצט היני-טער די פערמאכטע טהירען פון די פארטייען, און ארגאניזאציעס געפיהרט די צוגרייטונגס ארבייט מיט'ן אמת'ן ברען.

היינטיגע וואך איז פארגעקומען א גרעסערע זיצונג פון אלע ארטיגע נאַ-ציאנאלע עסקנים. עס איז געגרינדעט געווארען א וואהל-קאמיטעט פאר די ציוניסטישע ליסטע 17. גלייכצייטיג איז געוועלט געווארן א עקזעקוטיווע פון 15 פערזאן, וועלכע בעשטעהט פון ציוניס-טען, מזרחי'סטען, סוחרים, האנדווער-קער, קליינהענדלער און פארשטעהער פון יוגענד ארגאניזאציעס. אלס בעפיל-מעכטיגטער פון דער ליסטע איז בע-שטימט געווארען דער בעקאנטער ציו-ניסטישער עסקן, לאווניק ה' מ. ראַ-טענבערג, אלס פערטרעטער — דירעק-טאר ה' מ. ענגלארד.

ווי מיר דערוויסען זיך וועט דער קאַאיפעטע פון די אגודה'שע ליסטע אין קעלץ נישט פיהרען קיין שום פראפא-גאנדע לטובת איהר ליסטע, ווייל זיי האבען בעקומען א בעפעהל פון דער אגודה'שער צענטראלע צו שטימען בעת די סיים-וואהלען פאר אנ'אנדע-רע ליסטע.

* * *

פאריגען שבת איז אין קעלץ פאר-געקומען א צוזאמענפאהר פון רעכטע „פועלי-ציון" אין קעלצער וואיעוואודז-טווע. עס איז בעהאנדעלט געווארען די פראגע פון די פארלאמענט-וואהלען. בעת דער דיסקוסיע האבען די מער-הייט דעלעגאטען שארף קריטיקירט די צענטראלע פון „פועלי ציון" פאר שלי-סען דעם בלאק מיט'ן „בונד". די דע-לעגאטען האבען ערקלערט, אז זיי וועלען זיין געצווינגען נישט צו שטי-מען פאר די בונד'ישע ליסטע 5, און אויב שוין יא שטימען וועלען זיי פאר דער ציוניסטישער ליסטע. דער אנ-וועזענדער פארשטעהער פון דער צענטראלע ה' בערדיטשעווסקי האט אפילו געפרובט גוט „אויס'מוסר'ען" די אפאזיציע, דראהענדיג מיט אויס-שליסען פון דער פארטיי, אבער דאס האט ווייניג געהאלפען און די דעלע-גאטען זענען פערבליבען ביי זייער מיינונג.

## חאוינונג-קאאפעראטיוו פון אידישע ארבייטער אין קעלץ.

(ר.) א דאנק דער איניציאטיוו פון פליישער-פעראיין אין קעלץ איז פא-רינען זונטאג פארגעקומען די גרינ-דונגס פערזאמלונג פון א וואוינונגען-קאאפעראטיוו פאר יודישער ארבייטער-פאמיליעס.

היינטיגע וואך האט שוין די פער-וואלטונג פון קאאפעראטיוו, וועלכע בעשטעהט פון די ה"ה צוקער, זיירע, קאפוטשינסקי, הערשקאָוויטש און גאר-בער געקויפט א גרעסערען שטח בוי-פלעצער און אין נאהענטסטען בוי-סעזאן ווערט צוגעטרעטען אויפצובויען 80 צוויי-שטוביגע דירות מיט אלע מאדערנע בעקוועמליכקייטען, ווי: קא-נאליזאציע, עלעקטרישע בעלויכטונג, באדע-צימערן א.א.וו.

עס איז זעהר מעגליך, אז דער קאאפעראטיוו זאל בעקומען א גרעסערע הלואה פון מלוכה'שען באנד פונאנ-דערצובויען די שטעדט. דערווייל ברוי-כען די מיטגלידער פון קאאפעראטיוו בלויז איינצאהלען 10 פראצענט פון דעם אלגעמיינעם בעטרעף, 1000 זל.

דער קאאפעראטיוו טראגט דעם נאמען „פאראויס". דער סעקרעטאר-יאט געפונט זיך אין לאקאל פון פליי-שער-פעראיין מארק 16.

עס ליגט אין אייגענעם אינטערעס פון די קעלצער יודישע ארבייטער ווי ווייט מעגליך צו שטיצען דעם קאאפע-ראטיוו און דערקלארידען זיך אלס מיטגלידער.

## קורץ-קאנפערענץ פון „מכבי" אין קעלץ.

זונטאג דעם 26-טען ה. מ. קומט פאר אין קעלץ א צוזאמענפאהר פון די נאציאנאלע יודישע ספארט קלובען „מכבי" אין קעלצער וואיעוואודזטווע.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם איז היינטיגע וואך פארגעקומען אין לא-קאל פון קעלצער „מכבי" א גרעסערע פערזאמלונג מיט'ן אנטייל פון פאר-שטעהער פון דער „מכבי"-צענטראלע ה' רינג, דעלעגאט פון בענדינער ספארט-קלוב „הכח" ה' בערענבלאט, דעלעגאט פון ראדאם ה' בירענבלער און פיעל איינגעלאדענע געסט.

די פערזאמלונג עפענט מיט א קור-צע רעדע ה' ד. פרישמאן און גיעט איבער דעם פארזיץ דעם ד"ר פעלץ דאן בעגריסען אין נאמען פון דער קהלה — דירעקטאר ה' ראזענבערג, ציוניסטישע ארגאניזאציע — ה' זיע-לאני אין אין נאמען פון די רעוויזיא-ניסטען — ה' ל. דאדאל.

א לענגערען רעפעראט האלט דאן ה' רינג, וועלכער ווייזט אן אויף די וויכטיגע אויפגאבען פון „מכבי" נישט בלויז אלס ספארט-ארגאניזאציע נאר אויך אלס אין גרויסער מאס קולטורע-לע בעוועגונג. איבערגעבענדיג וועגען די שנעלע ענטוויקלונג פון די יודישע ספארט-ארגאניזאציעס בעריהרט דער רעדנער אויך לענגער די וועלט-אלימ-פיאדע פון „מכבי", וועלכע וועט פאר-קומען אין יאהר 1932 אין תל-אביב.

נאך די רעדע פון ה' רינג ענטווי-קעלט זיך א אינטערעסאנטע דיסקוסיע איבער די גרונד-פרינציפען פון „מכבי". די מיינונגען זענען פערשידען. עס רע-דען די ה"ה ראזענבערג, ד"ר פעלץ, בערענבלאט, פרישמאן א. א.

צום סוף ווערט געוועהלט א ארגא-ניזאציאנס-קאמיטעט צום צוזאמענפאהר פון די ח"ה: פרוי ערליך, דיר. רא-זענבערג, ד"ר פעלץ, י. עדעלשטיין און ד"ר י. זילבערשלאג.

## זאב זשאבאטינסקי אין קעלץ.

בעת זיין טורנע איבער פוילען וועט זונטאג דעם 21-טען דעצעמבער ה. י. ווייל׳ן אין קעלץ דער בעריהמטער ציוניסטישער פיהרער זאב זשאבא-טינסקי, וועלכער וועט ארויסטרעטען מיט א רעפעראט וועגען די אקטועלסטע ציוניסטישע פראגען.

נאך קעלץ וועט זשאבאטינסקי בע-זוכען אויך ראדאם.

## צו אונזערע ג. אבאנענטען און אנאנסען-געבער אין קעלץ

היינטיגען זונטאג דעם 26-ען קומט אונזער אינקאסענט קיין קעלץ. מיר בעטען דעריבער אלע אונזערע ג. אבא-נענטען און אנאנסען-געבער צו רעגו-לירען זייערע חובות און נישט אפ-לעגען אויף א צווייט מאהל.

מיר בעטען צו נעמען אין אכט די אויסגאבען, וואס זענען פערבונדען מיט שיקען מיוחד א אינקאסענט קיין קעלץ און דערפאר נישט צעגערען, מיט רע-גולירען די חובות.

אדמיניסטראציע

„ראד.-קעלצ. לעבען" אין ראדאם.




## פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין ראדאם

פרייטאג צונאכט'ס, דעם 24 ד. ח. 8 אווענד קומט פאר אין לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע (ליב. 25) א פאלקס-פערזאמלונג געווידמעט די לעצטע פאליטישע געשעהענישען אין ציוניזם.

מיט רעדעס וועלען ארויסטרעטען די ח"ח משה לוקסענבורג, אדוו. אברהם סאלבע. ישראל טובה, יחיאל טרענקעל, משה ראטענבערג און ישראל שטאטווינער.

איינגאנג פאר מיטגלידער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע—פריי.

# וואהל - קאנפערענץ אין גמינע.

(צוגעשיקטער קאמוניקאט.)

זונטאג דעם 19-טן ה. ח, איז אין גמינע פארגעקומען א וואהל-קאנפע-רענץ מיט דער בעטייליגונג פון 300 פערזאהן.

ביים פרעזידיום-טיש האבען פערנו-מען ערטער הרב קעסטענבערג און די גאנצער גמינע-פערוואלטונג.

דאזאר בנימין האכמאן עפענט די קאנפערענץ און ערטיילט דאס ווארט הרב קעסטענבערג, וועלכער האלט א לענגערע רעדע וועגען די יעצטיגע סיטואציע ארום די סיים-וואהלען. הרב קעסטענבערג שטעלט זיך בעזונדערס אב וועגען די ליסטעס פון פערשידענע פארטייען אין ראדאמער וואהל-קרייז און קומט צום אויספיהר, אז צוליעב דעם וואס ס'איז נישטא קיין איינהייט-ליכער יודישער פראנט — איז די איינ-ציגע ליסטע, אויף וועלכע די יודישע בעפעלקערונג אין ראדאם און אומגע-גענד איז מחויב צו שטימען — די ליס-טע 1 פון אונפארטייאישען בלאק מיט דער צוזאמענארבייט מיט דער רעגי-רונג (בע-בע), ווייל נאר דער נצחון פון אט דער ליסטע קאן פערזיכערען די אינערליכע און אויסערליכע רוה, וואס איז אזוי נויטיג פאר די בעפעל-קערונג, אהן אונטערשיד פון קלאס און שטאנד.

די רעדע איז אויפגענומען געווארען מיט אפלאדיסמענטען.

דער צווייטער רעדט דער פארשטע-הער פון „שומרי שבת" ה' ירחמיאל גוטמאן, וועלכער ווייזט אויף, אז לויט דער יודישער טראדיציע זענען יורען נעגען רעוואלוציע און דעריבער זאל מען שטיצען מיט אלע כחות צו פער-

זיכערען רוה אין לאנד, מחמת אין אונ-רוהיגע צייטען ליידען צומערסטען יו-דען פון פערשידענע געזעלשאפטליכע פטולת'ען. ה' גוטמאן קומט דעריבער צום אויספיהר, אז אלע ווי איינער ברויכט מען שטימען פאר דער ליסטע נומער 1.

דאן האט זיך געמאלדען צום ווארט איינער פון ציוניסטישען לאגער בכדי צו אפאנירען די פריהערדיגע רעדנער, אבער זיינע ווערטער ווערען נישט גע-הערט און די פערזאמעלטע פאדערען אבצונעמען ביי איהם דאס ווארט.

צום סוף ליינט הרב קעסטענבערג פאר אין נאמען פון פרעזידיום פאל-גענדע רעזאלוציע:

די פערזאמעלטע אויף דער קאנפע-רענץ אין לאקאל פון דער יודישער גמינע אין ראדאם, אין א צאהל העכער 300 מאן פון אלע געזעלשאפטליכע שיכטען, נעמען אן איינשטימיג צו שטיצען מיט כל הכחות די ליסטע נומ. 1, וואו אין דער שפיץ פיגורירט דער פערדינטספולער מאן פון לאנד מארשאל יוזעף פילסודסקי. די פער-זאמעלטע דריקען אויס א דאנק די גמינע-פערוואלטונג און דעם הרב קעס-טענבערג פאר זייער איניציאטיוו צו-נויפצורופען די קאנפערענץ און בעטען ווייטער צו פיהרען די דאזיגע אקציע מיט גוטע רעזולטאטען.

די רעזאלוציע ווערט דורך אלע פערזאמעלטע איינשטימיג אנגענומען און ביי אויסרופען לכבוד דעם מאר-שאל פילסודסקי און די ליסטע נומ. 1 איז די קאנפערענץ געשלאסען געווארען.


# א לערן-יונגעל איז נויטיג

אין דער דרוקעריי ביים „ראדאמער-קעלצער לעבען"

באלד געצאהלט.



די דירעקציע פון גימנאזיום

# „פשיאטשול וויעדזי"

אין ראדאם

מאכט בעקאנט, אז דאס אויפנעמען שילער אין דער פאר-שולע (*Przedszkole*) האט זיך שוין אנגעהויבען.

די איינשרייבונגען קומען פאר אין דער קאנצעלאריע פון גימנאזיום (קילינסקי 13).

דירעקציע.



p. TOBCI GOLDBERG

z powodu śmierci **OJCA Jej B. P.**

głębokie współczucia składa

Kielce. *Bernard Albirt.*



# PRZETARG.

Gazownia Miejska w Radomiu ogłasza przetarg na nieograniczoną dostawę rur czarnych i fitingów od 1|2" — 3"

W ofercie należy podać termin dostawy i warunki płatności.

Oferty należy składać w zalakowanych kopertach z napisem (Oferty na rury i fityngi) do dnia 3|XI—30 r. pod adresem:

*Gazownia Miejska*

— RADOM —

Skrytka Nr. 28.



# זאל די עפענטליכקייט וויסען!

מיר גיבען איבער א אינטערעסאנטען פאקט ווי אזוי 2 ראדאמער שעהנע יודען ר' מענדעל פינקלער און בעריש צימבערקאוויטש האבען אום יום-טוב פארנאכט אומגעווארפען די סוכה, וואס מיר האבען אויפגע-שטעלט און מיר זענען געווען געצווינגען צו עסען סוכות אין שטוב. די איינציגע אורזאך איז, וואס איך צאהל זיי 120 פראצ. דירה-געלד לויט פאר דער קריעג און זיי פערלאנגען שוין 150 פראצ. נישט קאנענדיג זיך טשעפען צו די קריסטליכע לאקאטארען האבען זיי געפינען א מיטעל איינ-צולעגען די סוכה אזוי ארום צו צווינגען צו צאהלען 150 פראצ. דירה-געלד.

**אברהם גראססמאן, נטע טענענבוים.**



*Kino dźwiękowe „ŚWIT"*

Dziś i dn. następnych

# Parada Miłości

w rolach głównych: Maurice Chevalier i Joenete Donald

Nad program Pierwszorzędne dodatki dźwiękowe



*Kino-Teatr Nowe-Czary*

Dziś i dni następnych!

WEDŁUG

# Litery Prawa

11. Vilma Banky i Jean Angelo

w filmie p. t. Hotel Potemkin

(ostatnia godzina)



*Kino ODEON Teatr*

Od poniedziałku 20 Paźdz. r. b.

# Miłosna noc skazańca

Nad program

Ken Maynard i Biały Jego Koń Tarzan



*Kino CORSO Teatr*

Dziś i dni następnych

# Męczennica

w rol. gl.: Franciszka Bertini i Warwick Ward

Dziewczęce usta całowałem nieraz


Redaktor Ch. M. Herc

Drukarnia „Wyd. Radomer-Kelcer Leben" Radom Szwarlikowska 29.